**שיחת צפורה ה' אדר תשע"ב:**

**וואו וואוינסטו היינט?**

אין ירושלים.

**וואו אין ירושלים?**

אין ירושלים איז דא א נייע געגענט וואס מען רופט "גילה" (דייקה לומר הל' בניקוד קמ"ץ).

**"גאולה" איז דאך אינמיטן ירושלים.**

*[ר' ישראל ארנסטר:] דאס איז "גאולה". "גילה" איז נעבן קבר רחל.*

**אהה! נעבן קבר רחל!**

פונף מינוט פון קבר רחל.

**עס איז א אידישער עולם דארט?**

יא. אונז האבן מיר אויך א געגענט דארט אין די ישוב. עס וואוינען דארט אונזערע תלמידים וואס קומען פון כלל ישראל פון איבעראל.

**יעקב אבינו האט געזאגט פאר יוסף: "ראה פניך לא פיללתי, והנה הראה אותי אלקים גם את זרעך!"**

איך האב פיינע "את זרעך"...

**אזוי זאגט מען נאך.**

יא. אזוי זאג איך דיר. און איך זאג עס ערליך!

**ווער האט געחלומט אויף דעם?!**

ברוך השם! זעסט דאך!

**איך האב אסאך מאל געזאגט, אז איך בין שולדיג אין דיר, אויף דיין זיין דעמאלס אין בוקארעסט.**

מיין טייערער, דו ביסט נישט שולדיג, ווייל איך האב ערליכע קינדער. קינדער וואס טוען וואס זיי דארפן... וואס מען דארף טון. זיי זענען זייער ערליך.

**זייער ערליך!?**

איך לויב זיי נישט אומזיסט. איך לויב נישט, איך זאג די מציאות.

**דיין מאן רופט מען "דער פאשקאנער"!?**

ניין. ער איז נישט קיין רבי.

**ניין?! מען האט מיר אזוי געזאגט.**

עס זענען דא אזעלכע וואס האלטן פון איהם ווי פון א רבי, אבער ער איז נישט קיין רבי.

אבער ער טוט אסאך. ער לערנט אסאך, און ער גיבט איבער דאס לערנען.

*[ר' ישראל ארנסטר:] ווען איך בין געווען דארט האב איך געזען עס קומען אריין יונגע בחורים, זיי רעדן זיך דורך, פאר שידוכים, מען העלפט זיי.*

**צו איר?!**

צו איר מאן.

**צו סוקר?!?!**

יא.

**ווער האט געחלומט אפילו אויף דעם?!**

דו זעסט דאך, א פאקט. איך לייג נישט צו, איך נעם נישט אראפ.

**איינער האט אמאל געפרעגט פון רבי יודאלע: דער זיידע זכרונו לברכה האט דאך אלעס געזען וואס עס גייט זיין אין אלע דורות, האט ער דאך געזען וואס עס גייט זיין מיט דעם צפורה. ווי אזוי האט ער געקענט מקרב זיין צפורה אזוי שטארק? ווי אזוי האט ער איר געקענט האלטן אויפן שויס? ווי קען דאס זיין?!**

**האט רבי יודאלע ארומגעשפאנט, און געטראכט און געטראכט, ביז ער האט געזאגט: הער מיך אויס, דער זיידע זכרונו לברכה האט אלעס געזען. אז דער זיידע זכרונו לברכה האט איר אזוי מקרב געווען, מוז זיין אז עס וועט נאך אמאל עפעס ארויסשפראצן!**

ברוך השם!

אין די לעצטע טאג פון דער זיידע, האט ער מיר צוגערופן צום בעט. איך פלעג דאך נאכמאכן פארשידענע מענטשן, דו געדענקסט?

**דבורטשאן?.**

יא, געדענקסט. איך האב נאכגעמאכט צפורה די ווישאווער "א יא פויקא". עס איז געווען פרייטאג אינדערפריה, פאר די פטירה, האט דער זיידע געהייסן משה מיכל זאל מיר אויפהייבן צום בעט. איך בין דאך געווען שטארק קליין, דאס געדענקסטו דאך.

**קליין?!**

נישט קליין אין יארן, נאר איך בין געווען שטארק נידריג.

משה מיכל האט מיר אויפגעהויבן צום בעט, און דער זיידע האט מיר געזאגט "א יא פויקא". אזוי ווי איך האב נאכגעמאכט צפורה די ווישאווער.

און ברוך השם איך האב קיין עין הרע קינדער.

דאס איז מיין זון הושע.

*[אחז בזקנו של הושע ואמר:]* **אחח! אזא צורה צו זען האב איך נישט געחלומט!**

זעסטו דאך! האב הנאה!

איך האב קיין עין הרע קינדער, וואס עס זאל אונז אלע ביישטיין די זכות.

**אלע קינדער?**

מינוס איינער, וואס ער איז שומר שבת, אבער נישט מיט אלעמען. אבער די איבריגע, אלע. אלע אייניקלעך.

**אין ארץ ישראל זעסטו אפט מיין ברודער אויך?**

איצט בין איך געווען נישט אזוי געזונט, בין איך א צייט נישט געווען. אבער אזוי, בין איך געפארן יעדע וואך. וואס פאר א פראגע?!

איך בין אפילו געפארן צוויי מאל אין די וואך, ווען עס האט געהאט אן ערך אז איך בין געקומען. אבער היינט ליידער, ער רעאגירט נישט, אויף גארנישט. האב איהם אינזינען.

**ווען ביסטו דאס לעצטע מאל דא געווען?**

אכט יאר צוריק.

*[ר׳ ישראל ארנסטר:] דאס ערשטע מאל איז זי דא געווען צוואנציג יאר צוריק ביי מיין יאסי׳ס חתונה, און דאס צווייטע מאל אכט יאר צוריק ביי מיין יעקב דוד׳ס חתונה. יעצט איז דאס דריטע מאל. און איך האף אז זי וועט אי״ה ווייטער קומען אויף שמחות.*

דו זאלסט זיין געזונט און שטארק ביז משיח׳ס טאג!

**און דו זאלסט אויך האבן ערליכע קינדער און קינדס קינדער!**

אמן!

*[הראה על הושע]* **וואו וואוינט ער?**

אויך אין ירושלים.

*[ר׳ ישראל ארנסטר:] איך טרעף אמאל אידע קינדער און אייניקלעך אויף שמחות אין ארץ ישראל. זיי זענען ממש אידעל.*

**נא, זעט אויס אז חלומות ווערן אויך אמאל אנטוויקעלט.**

געלויבט דער אויבערשטער. אויף דעם דארף מען תמיד האפן. ביסט מסכים?

**יא.**

זאלסט זיין געזונט און שטארק!

**און די אויך, מיט אלע קינדער!**

איך בין געקומען נאר דיך צו זען.

ווי אזוי פילסטו דיך?

**איך האב יסורים.**

*[ר׳ ישראל ארנסטר:] אבער עס איז שוין ברוך השם בעסער.*

עס איז שוין בסדר?

**עס איז בסדר? מען האט יסורים!**

האסט נאך אלם יסורים?

**יאא!**

וואס טוט מען וועגן דעם?

**וואס? מען ליידט!**

ניין, מען דארף נישט ליידען.

**מען קומט אפ אביסל פון גיהנם. אביסל.**

זאלסט זיין געזונט און שטארק ביז משיח׳ס טאג. מען דארף דיך. און אזוי לאנג ווי מען דארף א איד, איז ער מיט אונז. ביז משיח׳ס טאג זאלסטו טאקע זיין מיט אונז.

**אמן. און דו זאלסט זען נחת ביי ׳אלע׳ דיינע קינדער.**

*[נכד:] מען האט געזען איר זיידע דער פאשקאנער אין בוקארעסט?*

**ער איז געזעצן ביי מיין חתונה ביז אינדערפרי.**

**מוצאי שמחת תורה ווען דער טאטע זכרונו לברכה האט שוין געהאט געענדיגט די טיש, בין איך צוגעגאנגען צו איהם. ער האט נאך געהאלטן אינמיטן. ער האט דעמאלס אנגעטון דעם רוזינער׳ס שטריימעל, אזוי האט עס געהייסן. בין איך צוגעגאנגען אהין צו זען.**

*[נכד:] זי זאגט אז זי געדענקט טאקע אז דער פאשקאנער האט געהאט דער רוזינערס שטריימעל.*

**אזוי האט מען געזאגט.**

יא, אוודאי.

**וועלכע קינדער האט דער פאשקאנער געהאט? יענקל און..**

יענקל, ישראל און יצחק.

*[ר׳ ישראל ארנסטר:] די ענגלשטיינס פון אנטווערפן זענען פאשקאנער אייניקלעך?*

**ישראל׳ס.**

זאלסט זיין געזונט און שטארק!

**און דו אויך!**